**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/21/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 30 מיליאן דאלאר צו פארברייטערן פלעי גרופ פראגראמען אין פלעצער אין ניו יארק וואו עס זענען נישטא גענוג

***פעדעראלע געלטער וועלן פארברייטערן 418 עקזיסטירנדע פלעי גרופ פראגראמען אין קאמיוניטיס וואו עס זענען נישטא גענוג פלעצער***

***געלטער קומען אלץ טייל פון גאווערנער האקול'ס 100 מיליאן דאלארדיגע פארפליכטונג צו רעדוצירן 'טשיילד קעיר מדבריות' ארום די סטיעט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז כמעט 30 מיליאן דאלאר איז צוגעטיילט געווארן צו העלפן פארמערן פלעצער ביי מער פון 400 עקזיסטירנדע, סטעיט-לייסענסירטע, רעגיסטרירטע אדער פערמיטעד פלעי גרופ פראגראמען וועלכע געפונען זיך אין פלעצער ארום די סטעיט וואו עס זענען נישטא גענוג. ווערנדיג פארטיילט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services, OCFS), איז די פעדעראלע פינאנצירונג טייל פון גאווערנער האקול'ס 100 מיליאן דאלארדיגע איניציאטיוו צו העלפן פארמערן די פלעצער ביי פראגראמען וועלכע געפונען זיך אין אזוי-גערופענע 'טשיילד קעיר מדבריות' — פלעצער אין די סטעיט וואו עס זענען נישטא גענוג פלעצער צו ערפילן די יעצטיגע נויט.

"עס קומט זיך נישט פאר קיין איין ניו יארקער צו דארפן ליידן פון די ווייט-גרייכנדע און קלעמנדע ווייען פון פלעי גרופ פראגראמען וועלכע זיי קענען זיך נישט ערלויבן אדער צו וועלכע זיי קענען נישט צוקומען", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די לעצטע געלטער וועלן העלפן ניו יארקער צו צוקומען צו די פלעי גרופ פראגראמען פון א הויכע קוואליטעט וואס זיי דארפן צו קענען אויסהאלטן זייערע פאמיליעס און אויפבויען קאריערעס. מיין אדמיניסטראציע וועט פארזעצן צו מאכן קריטישע אינוועסטירונגען אין טשיילד קעיר, זיכער מאכנדיג אז ארבעטנדע פאמיליעס און שוואכערע באפעלקערונגען באקומען די שטיצע און הילף וואס עס קומט זיך זיי."

די געלטער פאר 418 עקזיסטירנדע פלעי גרופס אין פלעצער וואס האבן נישט גענוג סערוויסעס – צוגעשטעלט דורך דעם 'אמעריקאנער רעטונג פלאן געזעץ' (American Rescue Plan Act) – וועלן זיי העלפן צוריקבויען זייערע פראגראמען; רעקרוטירן, טרענירן און אויפהאלטן ארבייטער; און שטיצן זייערע איינגעשטעלטע צו באקומען קאוויד-19 וואקסינען. אין יולי האט גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון 68 מיליאן דאלאר צו העלפן אויפשטעלן 344 נייע פלעי גרופ פראגראמען אין פלעצער פון די סטעיט וואס הייסן 'טשיילד קעיר מדבריות'.

'טשיילד קעיר מדבריות' זענען פלעצער אין א קאונטי וואו עס זענען דא דריי אדער מער קינדער אונטער פינף פאר יעדע אפענע פלעי גרופ פלאץ אדער וואו עס זענען בכלל נישטא קיינע פלעי גרופ פלעצער.

בערך 60 פראצענט פון ניו יארק סטעיט ווערט פאררעכנט אלץ א 'טשיילד קעיר מדבר' לויט די קריטעריאן.

די פינאנצירונגען רעכענען אריין:

| ראיאן | סך הכל פינאנצירונג | צאל קערפערשאפטן צו באקומען פינאנצירונג |
|---|---|---|
| Capital Region | $ 1,719,000 | 38 |
| Central NY | $ 1,349,000 | 24 |
| Finger Lakes | $ 2,605,000 | 50 |
| Mohawk Valley | $ 644,000 | 10 |
| North Country | $ 779,500 | 18 |
| Southern Tier | $ 620,500 | 12 |
| Western NY | $ 4,186,000 | 53 |
| Long Island | $ 1,974,000 | 17 |
| Mid-Hudson | $ 2,920,500 | 26 |
| New York City | $ 12,688,500 | 170 |
| סך הכל | $ 29,486,000 | 418 |

די לעצטע רונדע פון פינאנצירונג צו אדרעסירן 'טשיילד קעיר מדבריות' ערגענצט גאווערנער האקול'ס פרעצעדענטלאזע 7 ביליאן דאלארדיגע פארפליכטונג איבער פיר יאר צו פארברייטערן צוטריט צו טשיילד קעיר פון א הויכע קוואליטעט צו שטיצן קינדער און פאמיליעס און העלפן אויפוועקן ניו יארק סטעיט'ס אנגייענדע עקאנאמישע ערהוילונג. די פארפליכטונג – אפיציעל אנגענומען אין די פיסקאלע-יאר 2023 סטעיט בודזשעט – רעכנט אריין א העכערונג צו די מינימום איינקונפט צו קענען זיין בארעכטיגט פאר טשיילד קעיר סאָבסידיס צו 300 פראצענט פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל וואס האלט יעצט ביי $83,250 פאר א פאמיליע פון פיר נפשות — פארברייטערנדיג דערמיט די צאל בארעכטיגטע יונגע קינדער אריבער די סטעיט צו נאך א געשאצטע 394,000.

די יאר אליין האט גאווערנער האקול צוגעשטעלט א היסטארישע 2 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו העכערן די צאל פאמיליעס וועלכע זענען בארעכטיגט פאר הילף מיט טשיילד קעיר און צו זיכער מאכן אז פלעי גרופּס האבן גענוג פינאנצירונג צו אויסהאלטן זייערע וויכטיגע סערוויסעס. די אינוועסטירונג רעכנט אריין 894 מיליאן דאלאר אין נייע פינאנצירונג פאר ניו יארק סטעיט טשיילד קעיר בלאַק גרענטס וועלכע זענען אנגענומען געווארן אלץ טייל פון די לעצטע סטעיט בודזשעט; מער פון 500 מיליאן דאלאר אין געלטער וועלכע זענען שוין בעפאר דעם צוגעטיילט געווארן צו לאקאלע דעפּארטמענטס פון סאָושעל סערוויסעס וועלכע זענען נישט אויסגענוצט געווארן; און מער פון 600 מיליאן דאלאר אין עקזיסטירנדע קאוויד-19 פאנדעמיע פינאנצירונג.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס קאמישאנער, שילע פּול, האט געזאגט,** "די געלטער אנערקענען די שווערע מאנגל אין טשיילד קעיר פראגראמען פאר בעיביס און קליינע קינדער און די מאנגל אין פלעי גרופּס אין געגנטער ארויס פון שטאט. עס איז שווער אריינצוגיין צו די ארבעט ווען איר קענט נישט טרעפן איינעם זיך אפצוגעבן מיט אייער קינד, און דאס קען אויך צולייגן צו די מאנגל אין ארבייטער. פריע טשיילד קעיר ערפארונגען קענען ווערן איינגעקריצט אין קינדער פאר די לעבן. די OCFS איז איבערגעגעבן צו שטיצן דאס עפענען נאך פלעי גרופּ פראגראמען אין פלעצער וואו פאמיליעס דארפן זיי די מערסטע און פאר פאמיליעס מיט ספעציעלע געברויכן."

**סענאטאר טשאק שומער האט געזאגט,** "פאר פילע ארבעטנדע פאמיליעס איז א פלעי גרופ עפעס וואס זיי קענען זיך נישט ערלויבן, און די פאנדעמיע האט דאס ערגער געמאכט, פארשווערנדיג צוריקצוגיין צו די ארבעט. דאס איז די סיבה פארוואס איך האב אריבערגעפירט דעם 'אמעריקאנער רעטונג פלאן' וואס קומט מיט פעסטע פינאנצירונג פאר טשיילד קעיר. יעצט וועלן די 30 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג וואך איך האב פארזיכערט גיין דירעקט צו עלימינירן 'טשיילד קעיר מדבריות', שאפן שיין-באצאלטע דזשאבס און ברענגען עכטע הילף פאר עלטערן וואס מוטשענען זיך און זייערע קינדער."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "די אנגייענדע מאנגל אין פלעי גרופס פאר צוגענגליכע פרייזן אין אונזער סטעיט איז נישט ווייניגער פון א קריזיס. מיר דארפן טוהן מער צו שטיצן אונזערע פאמיליעס און אונזערע פלעי גרופ ארבייטער. צוליב דעם בין איך שטאלץ צו האבן געקעמפט צו אריבערפירן דעם 'אמעריקאנער רעטונג פלאן', א געזעץ וואס ברענגט יעצט כמעט 30 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער פאר פלעי גרופס ארום ניו יארק. די געלטער וועלן העלפן עלטערן ארום די סטעיט זיך צוריקצוקערן צום ארבעט וויסנדיג אז זייערע קינדער זענען אין גוטע הענט, און אין די זעלבע צייט גיבנדיג פאר פלעי גרופ ארבייטער די מיטלען וואס זיי דארפן צו קענען מצליח זיין. איך וועל פארזעצן צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקע פאמיליעס האבן די שטיצע וואס זיי דארפן צו קענען בליהען."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418